# גליון היכל הקודש

וועכענטליכע גליון ארויסגעגעבן דורך
מוסדות היכל הקודש ברסלב וויליאמסבורג
נתייסדה ע"י כ"ק מרן מוהרא"ש זי"ע


**זמנים (NYC)**
הדלקת הנרות.................4:14
מוצאי שב"ק....................5:46

**שיעורים כסדרן**
נ"ך...................יחזקאל י'-י"א
בבלי...........................נדרים ס'
ירושלמי.....................ברכות מ"א
תוספתא.....................כתובות ח'
רמב"ם.............מלוה ולוה ט"ז


פרשת מקץ, שבת חנוכה, א' דראש חודש טבת, שנת תשפ"ג לפ"ק — שנה 12, גליון 13 (583)


## אַ וָואָרְט אוֹיף דִי פַּרְשָׁה

וְכָל הָאָרֶץ בָּאוּ מִצְרַיְמָה לִשְׁבֹּר אֶל יוֹסֵף כִּי חָזַק הָרָעָב בְּכָל הָאָרֶץ, דִי גַאנְצֶע לַאנְד אִיז גֶעקוּמֶען צוּ יוֹסֵף קוֹיפְן עֶסְן, וַוייל דִי הוּנְגֶער הָאט זִיךְ גֶעשְׁטַארְקְט. מֶען זֶעט אִין דִי גַאנְצֶע פַּרְשָׁה אַז דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה רוּפְט אָן דָאס קוֹיפְ'ן עֶסְן מִיטְ'ן נָאמֶען "שֶׁבֶר", אוּן יוֹסֵף הַצַּדִיק וֶוערְט אָנְגֶערוּפְן "הוּא 'הַמַּשְׁבִּיר' לְכָל עַם הָאָרֶץ", פַּארְוָואס רוּפְט עֶס דִי תּוֹרָה מִיט דֶעם לָשׁוֹן?

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק א', סִימָן ע"ו) אַז וֶוען אַ מֶענְטְשׁ קוּקְט אוֹיף אַ זַאךְ, גֵייט דַאן אַרוֹיס פוּן זַיינֶע אוֹיגְן אַן "אוֹר יָשָׁר", אַ שְׁטְרַאל פוּן זַיין אוֹיג צוּ דִי זַאךְ, אוּן דַאן קוּמְט צוּרִיק אַן "אוֹר חוֹזֵר", דִי בִּילְד פוּן דִי זַאךְ קוּמְט צוּרִיק צוּ זַיין אוֹיג, אוּן דוּרְךְ דֶעם זֶעט עֶר עֶס. אֵיידֶער דִי זַאךְ וֶוערְט גֶעזֶען, הָאט עֶס נִישְׁט קַיין גְבוּל אוּן זְמַן, אוּן וֶוען דֶער אוֹיג זֶעט עֶס, בַּאקוּמְט עֶס אַ גְבוּל אוּן זְמַן; וָואס דִי זַאךְ אִיז, וִוי גְרוֹיס דָאס אִיז, וֶוען דָאס אִיז, אוּן אַזוֹי וַוייטֶער.

אוּן דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט וַוייטֶער אַז דָאס אִיז דִי גְרוֹיסְקֵייט פוּן בִּטָחוֹן, וַוייל דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער שִׁיקְט אַלֶעמָאל אַלֶע גוּטֶע הַשְׁפָּעוֹת פַארְ'ן מֶענְטְשׁ, עֶס הָאט אָבֶער נִישְׁט קַיין גְבוּל אוּן זְמַן, עֶס קֶען זַיין צוּמָאל אַז אַ זַאךְ וָואס עֶר דַארְף שׁוֹין יֶעצְט הָאבְּן, וֶועט אָנְקוּמֶען צוּ אִים עֶרְשְׁט אִין צְוֵויי דְרֵיי יָאר אַרוּם; וֶוען אַ אִיד הָאט אָבֶער בִּטָחוֹן, עֶר קוּקְט נָאר צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, מִיט דֶעם מַאכְט עֶר אַ גְבוּל אוּן אַ זְמַן פַאר דִי הַשְׁפָּעָה, אַז סְ'זָאל אָנְקוּמֶען צוּ אִים אִין דִי רִיכְטִיגֶע צַייט וֶוען עֶר דַארְף עֶס.

מִיט דֶעם טַייטְשְׁט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי דֶעם פָּסוּק (תְּהִלִּים קמ"ה, ט"ו) "עֵינֵי כֹל אֵלֶיךָ יְשַׂבֵּרוּ", דוּרְךְ דֶעם וָואס אַ מֶענְטְשׁ קוּקְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן מִיט בִּטָחוֹן אַז עֶר וֶועט אִים זִיכֶער הֶעלְפְן, מִיט דֶעם מַאכְט עֶר, "וְאַתָּה נוֹתֵן לָהֶם אֶת אָכְלָם בְּעִתּוֹ", אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל אִים גֶעבְּן זַיין עֶסְן "בְּעִתּוֹ", אִין דִי צַייט וֶוען עֶר דַארְף עֶס.

חֲזַ"ל זָאגְן (דְבָרִים רַבָּה ב', י"ז) אַז סְ'זֶענֶען דָא תְּפִלּוֹת וָואס וֶוערְן גֶעעֶנְטְפֶערְט נָאךְ פֶערְצִיג טֶעג, סְ'אִיז דָא תְּפִלּוֹת וָואס וֶוערְן גֶעעֶנְטְפֶערְט נָאךְ צְוַואנְצִיג טֶעג, אוּן אַזוֹי וַוייטֶער. דָאס הֵייסְט אַז קַיין אֵיין תְּפִלָּה אִיז זִיכֶער נִישְׁט אוּמְזִיסְט, יֶעדֶע תְּפִלָּה גֵייט אַרוֹיף צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶס וֶוערְט אוֹיסְגֶעהֶערְט אוּן עֶס וֶוערְט גֶעעֶנְטְפֶערְט, אָבֶער צוּמָאל קֶען נֶעמֶען אַ לֶענְגֶערֶע צַייט בִּיז דִי יְשׁוּעָה קוּמְט אָן צוּם מֶענְטְשׁ, אָבֶער אַז מְ'אִיז זוֹכֶה צוּ קוּקְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן מִיט דִי 'גַאנְצֶע' אוֹיגְן, וִוי דֶער פָּסוּק זָאגְט "עֵינֵי 'כֹל' אֵלֶיךָ יְשַׂבֵּרוּ", עֶר קוּקְט נִישְׁט אוֹיף קַיין אַנְדֶערֶע הִילְף מִיט אַ זַייטִיגֶע אוֹיג, נָאר זַיינֶע גַאנְצֶע אוֹיגְן זֶענֶען גֶעוָואנְדְן נָאר צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן מִיט אַ שְׁטַארְקֶע בִּטָחוֹן, דַאן בַּאקוּמְט עֶר זַיין פַּרְנָסָה אִין דִי רִיכְטִיגֶע צַייט, שְׁנֶעל אוּן גְרִינְג.

נָאךְ אַ סְגוּלָה זֶעט מֶען אִין דֶעם פָּסוּק, וַוייל דָאס וָוארְט "יְשַׂבֵּרוּ" קֶען מֶען אוֹיךְ לֵיינֶען מִיט אַ "שׁ", מִיט דִי פִּינְטְל אוֹיף דִי רֶעכְטֶע זַייט, "יְשַׁבֵּרוּ", וָואס מֵיינְט "צֶעבְּרֶעכְן", וֶוען אַ אִיד אִיז זוֹכֶה צוּ צֶעבְּרֶעכְן זַיין יֵצֶר הָרָע וָואס רֶעדְט אִים צוּ קוּקְן אוֹיף שְׁלֶעכְטֶע זַאכְן, וָואס דָארְט הוֹיבְּט זִיךְ אָן אַלֶע פְּרָאבְּלֶעמֶען, וִוי חֲזַ"ל זָאגְן (סַנְהֶדְרִין מ"ה.) "אֵין יֵצֶר הָרָע שׁוֹלֵט אֶלָּא בְּמַה שֶּׁעֵינָיו רוֹאוֹת", דֶער יֵצֶר הָרַע קֶען אַרְבֶּעטְן אוֹיף אַ מֶענְטְשׁ, נָאר נָאכְדֶעם וָואס דֶער מֶענְטְשׁ הָאט גֶעקוּקְט אוֹיף זַאכְן וָואס מֶען טָאר נִישְׁט, דֶער עִיקָר כֹּחַ וָואס דֶער יֵצֶר הָרָע הָאט אִיבֶּער אַ מֶענְטְשׁ, אִיז נָאר דוּרְךְ דֶעם וָואס עֶר אִיז אִים מַכְשִׁיל צוּ קוּקְן אוֹיף שְׁלֶעכְטֶע זַאכְן. וֶוען אַ אִיד אִיז אָבֶער מַצְלִיחַ צוּ צֶעבְּרֶעכְן זַיינֶע אוֹיגְן, "עֵינֵי כֹל אֵלֶיךָ יְשַׁבֵּרוּ", עֶר צֶעבְּרֶעכְט דִי תַּאֲוָה פוּן זַיינֶע אוֹיגְן, דַאן "וְאַתָּה נוֹתֵן לָהֶם אֶת אָכְלָם בְּעִתּוֹ", וֶועט עֶר הָאבְּן פַּרְנָסָה אִין דִי רִיכְטִיגֶע צַייט.

מִיט דֶעם קֶען מֶען פַארְשְׁטֵיין פַּארְוָואס דִי תּוֹרָה הַקְדוֹשָׁה רוּפְט אָן דָאס קוֹיפְן עֶסְן מִיטְ'ן נָאמֶען "שֶׁבֶר", וָואס אִיז מְרַמֵּז אוֹיף בֵּיידֶע פְּשָׁטִים, סַיי אוֹיף הָאפְן אוּן קוּקְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן סַיי אוֹיף צֶעבְּרֶעכְן, וַוייל דָאס אִיז דֶער וֶועג וִוי אַזוֹי מְ'בַּאקוּמְט פַּרְנָסָה בְּרֶיוַח.

לָאמִיר זִיךְ שְׁטַארְקְן אוֹיפְ'ן יֵצֶר הָרָע, בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז מִיר זָאלְן זוֹכֶה זַיין צוּ הִיטְן דִי אוֹיגְן וִוי עֶס דַארְף צוּ זַיין, נִישְׁט צוּ קוּקְן אוֹיף וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער לָאזְט נִישְׁט קוּקְן, אוּן גְלַייכְצֵייטִיג זָאלְן מִיר קוּקְן נָאר צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן הָאפְן צוּ אִים אַז עֶר וֶועט אוּנְז הֶעלְפְן, דַאן וֶועלְן מִיר בַּאקוּמֶען אַלֶע אוּנְזֶערֶע גֶעבְּרוֹיכְן אוֹיף רִיכְטִיגְן וֶועג וִוי אַזוֹי מִיר דַארְפְן עֶסְן, אוּן אִין דִי רִיכְטִיגֶע צַייט וֶוען מִיר דַארְפְן עֶס.

(תּוֹךְ הַנַּחַל מִקֵּץ תשס"ה)

## מוֹהֲרָא"שׁ דֶערְצֵיילְט

### אַ פְרֵיילִיכְן חֲנוּכָּה

מִיר שְׁטֵייעֶן יֶעצְט אִין דִי הֵיילִיגֶע אוּן פְרֵיילִיכֶע טֶעג פוּן חֲנוּכָּה, וֶוען דִי הֵיילִיגֶע חַשְׁמוֹנָאִים הָאבְּן בַּאזִיגְט דִי שְׁלֶעכְטֶע יְוָנִים, אוּן צוּרִיק גֶעשְׁטֶעלְט דֶעם הֵיילִיגְן בֵּית הַמִקְדָשׁ וִוי עֶס דַארְף צוּ זַיין, אוּן אוֹיפְגֶעלָאכְטְן דִי אוֹיגְן פוּן דִי אִידִישֶׁע קִינְדֶער.

חֲזַ"ל זָאגְן (בְּרֵאשִׁית רַבָּה ב, ד) אַז דִי יְוָנִים הָאבְּן פַארְטוּנְקְלְט דִי אוֹיגְן פוּן דִי אִידְן מִיט זֵייעֶרֶע שְׁלֶעכְטֶע גְזֵירוֹת, זֵיי הָאבְּן בַּאפוֹילְן אַז מֶען מוּז אוֹיפְשְׁרַייבְּן אוֹיף דִי הֶערְנֶער פוּן דִי אָקְסְן אַז מֶען הָאט חַ"ו נִישְׁט קַיין חֵלֶק מִיטְ'ן הֵיילִיגְן בַּאשֶׁעפֶער. לָאמִיר נָאר אַרַיינְטְרַאכְטְן, פַארְוָואס רוּפְן עֶס דִי הֵיילִיגֶע חֲזַ"ל "פַארְטוּנְקְלְט דִי אוֹיגְן"?

נָאר דֶער אֱמֶת אִיז אַז אַ מֶענְטְשׁ קֶען נִישְׁט זַיין פְרֵיילִיךְ אוּן אוֹיפְגֶעלֵייגְט נָאר אוֹיבּ עֶר הָאט אֱמוּנָה, עֶר גְלֵייבְּט אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער פִירְט אַלֶעס אוֹיף דֶער וֶועלְט. יֶעדֶער מֶענְטְשׁ גֵייט דוּרְךְ יֶעדְן טָאג צָרוֹת אוּן שְׁוֶועריקֵייטְן, קֵיינֶער קֶען זִיךְ נִישְׁט אַרוֹיסְדְרֵייעֶן פוּן דֶעם, אֵייבִּיג אִיז דָא זַאכְן אִין אַ מֶענְטְשׁ'ס לֶעבְּן, וֶועלְכֶע גֵייעֶן נִישְׁט אַזוֹי וִוי עֶר הָאט גֶעוָואלְט, אַמָאל מֶער אוּן אַמָאל וֶוייניגֶער.

וֶוען אַ מֶענְטְשׁ לֶעבְּט נִישְׁט מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶס לִיגְט אִים נִישְׁט אִין דִי בֵּיינֶער אַז יֶעדֶער רִיר אוֹיף דֶער וֶועלְט קוּמְט נָאר פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דַאן וֶוערְט עֶר זֵייעֶר טְרוֹיעֶרִיג פוּן דִי אַלֶע שְׁוֶועריקֵייטְן, אוּן עֶר שְׁפִּירְט נִישְׁט קַיין הֲנָאָה אִין זַיין לֶעבְּן.

וֶוען אַ אִיד אִיז אָבֶער שְׁטַארְק מִיט אֱמוּנָה, עֶר וֵוייסְט אוּן גְלֵייבְּט אַז קַיין שׁוּם זַאךְ פַּאסִירְט נִישְׁט פוּן זִיךְ אַלֵיין, יֶעדֶע זַאךְ הָאט אַ פּוּנְקְטְלִיכְן חֶשְׁבּוֹן פַארְוָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט דָאס אַזוֹי גֶעמַאכְט, דַאן הָאט עֶר אַ פְרֵיילִיכֶע אוּן גְלִיקְלִיכֶע לֶעבְּן, עֶר וֵוייסְט אַז דִי שְׁוֶועריקֵייטְן קוּמֶען אוֹיךְ פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן דָאס אִיז זִיכֶער פַאר זַיין טוֹבָה, אוּן עֶר בֶּעט שְׁטֶענְדִיג דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז עֶר זָאל אִים הֶעלְפְן מִיט יֶעדְן פְּרָאבְּלֶעם, אוּן אַזוֹי קֶען עֶר זִיךְ שְׁטַארְקְן אַלֶעס אִיבֶּערְצוּקוּמֶען.

<<<<<<

### א גוט ווארט

בְּנוֹגֵעַ וָואס אִיר זָאלְט זִיךְ פָארְנֶעמֶען לְכָבוֹד אֵייעֶר גֶעבּוּרְטְ'ס טָאג; נֶעמְט זִיךְ פָאר, וֶוען אִיר גֵייט אַרוֹיס פוּן שְׁטוּבּ לֵייגְט דִי הַאנְט אוֹיף דִי מְזוּזָה אוּן בֶּעטְס דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן דִי קוּרְצֶע תְּפִילָה: "הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער, הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל צוּרִיק אַהֵיים קוּמֶען גֶעזוּנְט אוּן שְׁטַארְק", אוּן וֶוען אִיר קוּמְט אַהֵיים זָאלְט אִיר לֵייגְן דִי הַאנְט אוֹיף דִי מְזוּזָה אוּן זָאגְן: "שְׁ'כֹּחַ אֵייבֶּערְשְׁטֶער אַז אִיךְ בִּין צוּרִיק אִין שְׁטוּבּ גֶעזוּנְטֶערְהֵייט"; דָאס אִיז אַ גוּטֶע זַאךְ זִיךְ פָארְצוּנֶעמֶען, אַזוֹי וֶועט אִיר זַיין אָפְּגֶעהִיטְן אֵייעֶר גַאנְצֶע לֶעבְּן.

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה וַיֵּצֵא תשפ"ג)

## אַ בְּרִיוו פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א

# שַׁבָּת אִיז אַ גַּן עֵדֶן אָדֶער אַ גֵיהִנוֹם ?

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ

יוֹם ה' פַּרְשַׁת לֶךְ לְךָ, ט' מַר-חֶשְׁוָן, שְׁנַת תשפ"ג לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד מַיין טֵייעֶרְער ... נֵרוֹ יָאִיר בְּרֶסְלֶב, לִיבֶּערְטִי**

חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (נְדָרִים ח:): "אֵין גֵיהִנוֹם לְעוֹלָם הַבָּא", נִישְׁטָא קַיין גֵיהִנוֹם לְעוֹלָם הַבָּא, "אֶלָּא הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא מוֹצִיא חַמָּה מִנַּרְתִּיקָהּ", דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֶועט אַרוֹיסְנֶעמֶען דִי זוּן פוּן אִיר הַאלְטֶער, "צַדִּיקִים מִתְרַפְּאִין בָּהּ", צַדִּיקִים וֶועלְן זִיךְ אוֹיסְהֵיילְן, "וּרְשָׁעִים נִדּוֹנִים בָּהּ", אוּן דִי רְשָׁעִים וֶועלְן פַארְבְּרֶענְט וֶוערְן מִיט דֶעם.

מֶען קֶען זָאגְן פְּשַׁט, "שַׁבָּת" אִיז "מֵעֵין עוֹלָם הַבָּא", אוּן דִי זוּן מֵיינְט מֶען אַז אַ מֶענְטְשׁ שְׁפִּירְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶר זֶעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִין יֶעדֶע זַאךְ, אַזוֹי וִוי דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א', סִימָן א): "בְּחִינַת שֶׁמֶשׁ", וְכוּ', "בְּחִינַת 'וְאֹרַח צַדִּיקִים'", וְכוּ'.

שַׁבָּת קֶען זַיין פַאר אֵיינֶעם אַ גַּן עֵדֶן, מֶען זִיצְט מִיט דִי מִשְׁפָּחָה, מִיט דִי וַוייבּ אוּן קִינְדֶער, מֶען עֶסְט אוּן מֶען טְרִינְקְט לְכָבוֹד שַׁבָּת, מֶען זִינְגְט זְמִירוֹת, מֶען רֶעדְט פוּן דִי פַּרְשָׁה, פוּן מַעֲשִׂיוֹת פוּן תְּפִלָּה וֶאֱמוּנָה, מַעֲשִׂיוֹת פוּן צַדִּיקִים; עֶס אִיז מַמָּשׁ מֵעֵין עוֹלָם הַבָּא.

וְוידֶער בַּיי רְשָׁעִים אִיז שַׁבָּת מַמָּשׁ אַ גֵיהִנוֹם, מֶען קְרִיגְט זִיךְ, מֶען רֶעגְט זִיךְ, מֶען צִינְדְט אָן דִי פֵייעֶר פוּן גֵיהִנוֹם, אַזוֹי וִוי דֶער זוֹהַר הַקָּדוֹשׁ זָאגְט (תִּיקּוּן מח, דַּף פה.): "כָּל מָאן דְּכָעִיס כְּאִלּוּ אוֹקִיד נוּרָא דְגֵיהִנָּם", וֶוער עֶס קְרִיגְט זִיךְ שַׁבָּת אוּן כַּעַס'ט זִיךְ - צִינְדְט אָן דִי גֵיהִנוֹם.

וואוֹיל אִיז דֶעם מֶענְטְשׁ וָואס לֶעבְט מִיט אֱמוּנָה, מִיט אֱמוּנַת צַדִּיקִים, עֶר וַוארְט אַ גַאנְצֶע וָואךְ אוֹיף שַׁבָּת, אוּן לֶעבְט אַ גַאנְצֶע וָואךְ מִיטְ'ן שַׁבָּת. דֶער אִיז זוֹכֶה, עֶס שַׁיינְט אִים דֶער זוּן וָואס וֶועט שַׁיינֶען לֶעָתִיד לָבוֹא פַאר דִי צַדִּיקִים, אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט (מַלְאָכִי ג, כ): "וְזָרְחָה לָכֶם יִרְאֵי שְׁמִי וְגוֹ'", וְהָבֵן לְמַעֲשֶׂה.

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה לֶךְ לְךָ תשפ"ג)

<<<<<< מוֹהֲרָא"ש דֶערְצֵיילְט

מִיט דֶעם וָואס דִי יְוָנִים הָאבְּן גֶעוָואלְט אוֹיסְרַייסְן דִי הֵיילִיגֶע אֱמוּנָה פוּן דִי אִידִישֶׁע קִינְדֶער, הָאבְּן זֵיי מִיט דֶעם פַארְטוּנְקְלְט דִי אוֹיגְן פוּן דִי אִידְן. זֵיי הָאבְּן פַארְלוֹירְן זֵייעֶר גַאנְצֶע מוּט אוּן חֵשֶׁק, זֵייעֶר גַאנְצֶער מוּט אִין לֶעבְּן. בִּיז דִי הֵיילִיגֶע חַשְׁמוֹנָאִים הָאבְּן בַּאזִיגְט דִי יְוָנִים אוּן צוּרִיק אַיינְגֶעבַּאקְן דִי הֵיילִיגֶע אֱמוּנָה אִין דִי הֶערְצֶער פוּן אִידִישֶׁע קִינְדֶער.

## שַׁ'בָּת מִ'ילָה אוּן ח'וֹדֶשׁ

דִי יְוָנִים הָאבְּן זִיךְ סְפֶּעצִיעֶל פַארְלֵייגְט אוֹיף דִי דְרֵיי מִצְוֹת, אוֹיף שַׁבָּת, אוֹיף בְּרִית מִילָה, אוּן אוֹיף קִידּוּשׁ הַחוֹדֶשׁ. דִי רָאשֵׁי תֵּיבוֹת פוּן דִי דְרֵיי מִצְוֹת "שַׁ'בָּת מִ'ילָה ח'וֹדֶשׁ", אִיז "שָׂמֵחַ". מִיט דֶעם וָואס אַ אִיד גְלֵייבְּט אִינֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן עֶר הִיט אַלֶע מִצְוֹת, וֶוערְט עֶר אַ פְרֵיילִיכֶער מֶענְטְשׁ. דָאס אִיז בַּיי יֶעדֶע מִצְוָה. אָבֶער סְפֶּעצִיעֶל דִי דְרֵיי מִצְוֹת אִיז מֶער מְסוּגָל צוּ מַאכְן פְרֵיילִיךְ דֶעם מֶענְטְשׁ.

בַּיי שַׁבָּת זָאגְן דִי חַזַ"ל (יַלְקוּט שִׁמְעוֹנִי בְּהַעֲלוֹתְךָ רֶמֶז תשכ"ה) "וּבְיוֹם שִׂמְחַתְכֶם - אֵלּוּ הַשַּׁבָּתוֹת" - דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעגֶעבְּן דֶעם שַׁבָּת קוֹדֶשׁ פַאר דִי אִידִישֶׁע קִינְדֶער אַלְס אַ גוּטֶע מַתָּנָה, אַז זֵיי זָאלְן זִיךְ פְרֵייעֶן אוּן הֲנָאָה הָאבְּן פוּנֶעם הֵיילִיגְן שַׁבָּת.

בַּיי בְּרִית מִילָה זָאגְט דִי גְמָרָא (שַׁבָּת ק"ל.) אַז דִי מִצְוָה פוּן בְּרִית מִילָה הָאבְּן דִי אִידְן מְקַבֵּל גֶעוֶוען בְּשִׂמְחָה, אוּן זֵיי טוּעֶן עֶס נָאךְ בִּיז הַיינְט מִיט גְרוֹיס פְרֵייד, מֶען מַאכְט אַ גְרוֹיסֶע סְעוּדָה אוּן מֶען פְרֵיידְט זִיךְ אַז מֶען הָאט זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ מַאכְן אַ בְּרִית.

אוּן אוֹיף רֹאשׁ חוֹדֶשׁ זָאגְט דִי גְמָרָא (פְּסָחִים ע"ז.) אַז עֶס הֵייסְט אַ יוֹם טוֹב, וַוייל אַלֶע יָמִים טוֹבִים זֶענֶען דָאךְ אָנְגֶעהָאנְגֶען אוֹיף רֹאשׁ חוֹדֶשׁ. לוֹיט וֶוען עֶס אִיז רֹאשׁ חוֹדֶשׁ, לוֹיט דֶעם וֵוייסְט מֶען וֶוען עֶס אִיז אַלֶע יָמִים טוֹבִים. אוּן מִיר זֶעעֶן טַאקֶע וִוי אִידִישֶׁע קִינְדֶער טַאנְצְן אוּן פְרֵייעֶן זִיךְ בַּיי "קִידּוּשׁ לְבָנָה" יֶעדְן חוֹדֶשׁ.

זֶעעֶן מִיר פוּן דֶעם אַז דִי דְרֵיי מִצְוֹת זֶענֶען סְפֶּעצִיעֶל מְסוּגָל צוּ מַאכְן פְרֵיילִיךְ דִי אִידִישֶׁע קִינְדֶער, אוּן דֶערִיבֶּער הָאבְּן זִיךְ דִי יְוָנִים דַוְקָא פַארְלֵייגְט אוֹיף דִי מִצְוֹת. זֵיי הָאבְּן נָאר גֶעוָואלְט אַז דִי אִידְן זָאלְן פַארְלִירְן זֵייעֶר שִׂמְחָה אוּן מוּט, זֵיי זָאלְן פַארְלִירְן זֵייעֶר הֵיילִיגֶע אֱמוּנָה אוּן דוּרְךְ דֶעם פַארְלִירְן זֵייעֶר גַאנְצֶער חֵשֶׁק אִין לֶעבְּן. וַוייל וֶוען אַ אִיד לֶעבְּט מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן אִיז עֶר דֶער גְלִיקְלִיכְסְטֶער אוּן פְרֵיילִיכְסְטֶער מֶענְטְשׁ אוֹיף דֶער וֶועלְט.

דֶער הֵיילִיגֶער רְמָ"א הוֹיבְּט אָן דֶעם עֶרְשְׁטְן סְעִיף אִין שֻׁלְחָן עָרוּךְ מִיט דִי וֶוערְטֶער "שִׁוִּיתִי ה' לְנֶגְדִּי תָמִיד" אַז יֶעדֶער אִיד דַארְף הַאלְטְן פַאר דִי אוֹיגְן אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז מִיט אִים שְׁטֶענְדִיג. אוּן דֶער הֵיילִיגֶער רְמָ"א עֶנְדִיגְט דֶעם שֻׁלְחָן עָרוּךְ מִיט דִי וֶוערְטֶער "וְטוֹב לֵב מִשְׁתֶּה תָמִיד" אַז אִיד דַארְף שְׁטֶענְדִיג זַיין פְרֵיילִיךְ.

דִי צְוֵוייִ זַאכְן גֵייעֶן אִינְאֵיינֶעם הַאנְט בַּיי הַאנְט. וִוי אַזוֹי קֶען אַ אִיד זַיין שְׁטֶענְדִיג פְרֵיילִיךְ? עֶס גֵייט דָאךְ נִישְׁט אֵייבִּיג אַזוֹי וִוי עֶר וִויל, עֶר הָאט דָאךְ פִילֶע צָרוֹת אוּן יִסוּרִים? וֶוען אַ אִיד גֶעדֶענְקְט אָבֶער אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז אַלֶעמָאל מִיט אִים, עֶר גֶעוואוֹינְט זִיךְ צוּ צוּ רֶעדְן שְׁטֶענְדִיג צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶר גֶעדֶענְקְט אַז עֶר הָאט נִישְׁט קֵיינֶעם אוֹיף דֶער וֶועלְט אוֹיסֶער דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דַאן קֶען עֶר זַיין אֵייבִּיג פְרֵיילִיךְ.

## עֶרְנְסְט אָדֶער פְרֵיילִיךְ ?

דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן נ"ב) אַז וֶוען אַ מֶענְטְשׁ מַאכְט הִתְבּוֹדְדוּת, עֶר רֶעדְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶר בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז עֶר זָאל פָּטוּר וֶוערְן פוּן אַלֶע זַיינֶע שְׁלֶעכְטֶע מִדּוֹת, אוּן הָאבְּן נָאר גוּטֶע מִדּוֹת, דַארְף עֶר קוֹדֶם בֶּעטְן אוֹיף אֵיין מִדָּה אוּן אַרְבֶּעטְן נָאר אוֹיף דֶעם בִּיז עֶר וֶועט אִינְגַאנְצְן אוֹיסְאַרְבֶּעטְן דִי מִדָּה, אוּן דֶערְנָאךְ זָאל עֶר גֵיין צוּ דִי צְוֵוייטֶע אוּן צוּ דִי דְרִיטֶע אוּן אַזוֹי וַוייטֶער.

שְׁטֶעלְט זִיךְ אָבֶער דִי שְׁאֵלָה, פוּן וואוּ הוֹיבְּט מֶען אָן? וֶוען מֶען אִיז אָנְגֶעפִילְט מִיט אַלֶע שְׁלֶעכְטֶע מִדּוֹת, אוֹיף וֶועלְכֶע מִדָּה זָאל מֶען דִי עֶרְשְׁטֶע בֶּעטְן?

דִי עֶרְשְׁטֶע מִדָּה אוֹיף וָואס מֶען דַארְף בֶּעטְן אִיז אוֹיף שִׂמְחָה, מֶען דַארְף אַסַאךְ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז מֶען זָאל שְׁטֶענְדִיג זַיין פְרֵיילִיךְ, אוּן קֵיינְמָאל נִישְׁט זַיין צוּגֶעלֵייגְט אוּן טְרוֹיעֶרִיג, וַוייל וֶוען מֶען אִיז פְרֵיילִיךְ פַאלְט שׁוֹין מְמֵילָא אַוֶועק אַלֶע אַנְדֶערֶע שְׁלֶעכְטֶע מִדּוֹת, וָואס קוּמֶען פוּן עַצְבוּת אוּן מָרָה שְׁחוֹרָה, אוּן מֶען בַּאקוּמְט אַלֶע גוּטֶע מִדּוֹת.

רֶבִּי נָתָן הָאט גֶעהַאט אַ תַּלְמִיד וָואס הָאט גֶעהֵייסְן רֶבִּי עוֹזֵר, עֶר אִיז גֶעוֶוען אַ גְרוֹיסֶער עוֹבֵד ה', מִיט פוּלְסְטְן בְּרֶען אוּן עֶרְנְסְטְקֵייט, אוּן פוּן זַיין גְרוֹיסֶע עֲבוֹדָה הָאט עֶר קֵיינְמָאל נִישְׁט גֶעהַאט קַיין שְׁמֵייכְל אוֹיפְ'ן פָּנִים, עֶר אִיז שְׁטֶענְדִיג גֶעוֶוען צוּגֶעלֵייגְט, הָאט אִים רֶבִּי נָתָן גֶעזָאגְט: "אִיךְ הָאבּ גֶעהֶערְט זָאגְן אוֹיף דִיר עוֹזֵר אַז דוּ בִּיזְט פְרוּם (עֶרְנְסְט), אִיךְ הָאבּ אָבֶער נִישְׁט אַזוֹי מְקַבֵּל גֶעוֶוען פוּן רֶבִּי'ן, דֶער עִיקָר אִיז צוּ זַיין פְרֵיילִיךְ, אוּן פְרוּם אוֹיךְ". דָאס מֵיינְט אַז דֶער עִיקָר דַארְף מֶען זִיךְ פַארְלֵייגְן אוֹיף שִׂמְחָה, שְׁטֶענְדִיג זִיךְ צוּ שְׁטַארְקְן אוּן זַיין פְרֵיילִיךְ.

צִי עֶס גֵייט גוּט אָדֶער שְׁלֶעכְט, וֶועט דֶער טָאג סַיי וִוי אַרִיבֶּער גֵיין. מְמֵילָא פַארְוָואס זָאל מֶען נִישְׁט זַיין פְרֵיילִיךְ אִינֶעם טָאג? חֲזַ"ל זָאגְן (תַּנְחוּמָא, שְׁמִינִי) "אֵין הַשִּׂמְחָה מַמְתֶּנֶת לָאָדָם, לֹא כָּל מִי שֶׁשָּׂמֵחַ הַיּוֹם שָׂמֵחַ לְמָחָר", אוּן דָאס אִיז זֵייעֶר אַ ווִיכְטִיגֶע זַאךְ צוּ גֶעדֶענְקְן, וַוייל גֶעוֶוענְלִיךְ וֶוען עֶס קוּמְט אַ שְׁוֶוערֶע טָאג, זַאכְן גֵייעֶן נִישְׁט אַזוֹי וִוי מֶען וִויל, אִיז זֵייעֶר שְׁוֶוער צוּ זַיין פְרֵיילִיךְ, אוּן מֶען טְרַאכְט "מָארְגְן וֶועט זַיין אַ בֶּעסֶערֶע טָאג, מָארְגְן וֶועל אִיךְ זַיין פְרֵיילִיךְ". דֶערְפַאר זָאגְן אוּנְז דִי חֲזַ"ל: וַוארְט נִישְׁט אוֹיף מָארְגְן צוּ זַיין פְרֵיילִיךְ, וַוייל וִוי אַזוֹי וֵוייסְטוּ וָואס מָארְגְן וֶועט זַיין? פְּרוּבִּיר צוּ זַיין הַיינְט פְרֵיילִיךְ, נִישְׁט קַיין חִילוּק וִוי אַזוֹי דִי מַצָּב אִיז, אוּן דָאס וֶועט מַאכְן אַז דוּ זָאלְסְט מַצְלִיחַ זַיין מִיט אַלֶעס, וַוייל וֶוען אַ מֶענְטְשׁ אִיז פְרֵיילִיךְ אִיז עֶר מַצְלִיחַ.

דִי בְּחִירָה לִיגְט אִין דִי הֶענְט פוּנֶעם מֶענְטְשׁ, וִוי אַזוֹי עֶר זָאל אָנְנֶעמֶען זַיין לֶעבְּן, וִוי דֶער פָּסוּק זָאגְט "רְאֵה אָנֹכִי נוֹתֵן לִפְנֵיכֶם 'הַיּוֹם' בְּרָכָה וּקְלָלָה" - דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער גֶעבְּט פַארְ'ן מֶענְטְשׁ אַ מַתָּנָה אַ 'טָאג', אוּן עֶר קֶען מִיט דֶעם מַאכְן אַ בְּרָכָה אָדֶער אַ קְלָלָה, פְרֵיילִיךְ אָדֶער טְרוֹיעֶרִיג, מֶען קֶען אָנְנֶעמֶען דֶעם טָאג גוּט, קוּקְן נָאר אוֹיף דִי גוּטֶע חֲלָקִים וָואס מֶען הָאט אוּן זִיךְ פְרֵייעֶן מִיט דֶעם, אוּן מֶען קֶען אַלֶעס אָנְנֶעמֶען שְׁלֶעכְט, אוּן זַיין טְרוֹיעֶרִיג, אוּן דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאגְט: "וּבָחַרְתָּ בַּחַיִּים", וֶועל אוֹיס דָאס לֶעבְּן, צוּ זַיין פְרֵיילִיךְ אוּן צוּפְרִידְן, דֶעמָאלְט וֶועסְטוּ הָאבְּן אַלֶעס גוּטְס.

וואוֹיל אִיז דֶעם וָואס אִיז זוֹכֶה אַרַיינְצוּנֶעמֶען אִין זִיךְ דִי הֵיילִיגֶע אֱמוּנָה, שְׁטֶענְדִיג צוּ גֶעדֶענְקֶען אַז אַלֶעס פִירְט נָאר דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער, אוּן דַאן וֶועט עֶר אֵייבִּיג זַיין פְרֵיילִיךְ, אוּן עֶר וֶועט הָאבְּן אַ גְלִיקְלִיךְ לֶעבְּן אוֹיף דִי וֶועלְט אוּן אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט.

(תּוֹךְ הַנַּחַל מִקֵּץ תשנ"ט, שִׂיחוֹת מוֹהֲרָא"שׁ חֵלֶק י"ג עֵרֶךְ וְטוֹב לֵב מִשְׁתֶּה תָּמִיד, וְחֵלֶק י' עֵרֶךְ שִׂמְחָה)

# אֵיין רֵיינֶע קְרִיגְל אוֹיל

יֶעדֶער אֵיינֶער גֵייט אַרִיבֶּער וָואס עֶר גֵייט אַרִיבֶּער, יֶעדְן אֵיינֶעם פְּרוּבִּירְט מֶען אוֹיס מִיט שְׁוֶוערֶע נִסְיוֹנוֹת, אָבֶּער אַז מֶען קוּקְט גוּט, מֶען זוּכְט דֶעם בַּאשֶׁעפֶער׳ס חֲסָדִים – קֶען מֶען טְרֶעפְן אִין דִי טוּנְקְל אַ שַׁיין. דָאס לֶערְנֶען מִיר פוּן חֲנוּכָּה; אַלֶעס אִיז גֶעוֶוען טָמֵא, נָאר אֵיין קְרִיגְל אוֹיל אִיז גֶעבְּלִיבְּן רֵיין, פוּן דֶעם הָאט מֶען גֶעמַאכְט דֶעם יוֹם טוֹב.

אַז מֶען טְרַאכְט אַרַיין וָואס וָואלְט גֶעוֶוען וֶוען דִי חַשְׁמוֹנָאִים וָואלְטְן נִישְׁט גֶעוֶוען בְּרֶסְלֶב׳עֶ חֲסִידִים, זֵייי וָואלְטְן גֶעמַאכְט אַנְשְׁטָאט אַ יוֹם טוֹב – אַ תַּעֲנִית, עֶס וַוייזְט זִיךְ אוֹיס אַז דִי חַשְׁמוֹנָאִים זֶענֶען גֶעוֶוען בְּרֶסְלֶב׳עֶ חֲסִידִים, זֵיי הָאבְּן גֶעלֶעבְּט מִיט ׳אֲזַמְּרָה׳ (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ״ן חֵלֶק א׳, סִימָן רפב) – גֶעזוּכְט דִי נְקוּדָה טוֹבָה אוּן פוּן דֶעם גֶעמַאכְט אַן עֵסֶק.

טֵייעֶרֶע חֲבֵרִים, לָאמִיר זִיךְ מְחַזֵק זַיין מִיט דִי גוּטֶע זַאכְן וָואס מִיר הָאבְּן, לָאמִיר זִינְגֶען: ״וּמְנוֹתַר קַנְקַנִּים...״, לָאמִיר נִישְׁט קוּקְן אוֹיף וָואס מִיר זֶענֶען אַרָאפְּגֶעפַאלְן. אֲפִילוּ דִי יְוָנִים, דֶער יֵצֶר הָרָע – הָאט מִיר מְטַמֵא גֶעמַאכְט, עֶר הָאט מִיר אַרָאפְּגֶעוָוארְפְן, אִיךְ בִּין אֵיין שְׁטִיק טָמֵא, אִיךְ הִיט נִישְׁט מַיינֶע אוֹיגְן, אִיךְ הָאבּ שְׁמוּצִיגֶע גֶעדַאנְקֶען – דָאךְ זוּךְ אִיךְ אִין מִיר אַ גוּטֶע נְקוּדָה, פוּן דֶעם מַאךְ אִיךְ אַן עֵסֶק.

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה וַיֵּשֶׁב תשפ״א)

<<<<<< נייעס

געלט, אזוי ווי די צדיקים און ערליכע אידן האבן איינגעפירט אז בחורים זאלן גיין נאך געלט כסדר, און אזוי האבן א מיטגעפיל מיט אנדערע אידן וואס גייען ארום צוזאמנעמען צדקה.

יעדע שטיק צייט מאכט מען א שבת התוועדות ספעציעל פאר די בחורים וואס האבן זיך אנגעשטרענגט צו גיין נאך געלט, און דעם פארגאנגענעם שבת איז אויך פארגעקומען אזא שיינער שבת התוועדות פאר די בחורים, אינאיינעם מיט׳ן ראש ישיבה שליט״א.

עס איז געווען גאר א שיינער שבת, די בחורים האבן מיטגעהאלטן די ווארעמע תפילות מיט׳ן ראש ישיבה שליט״א און אויך געגעסן די סעודות אינאיינעם מיט׳ן ראש ישיבה שליט״א. דער ראש ישיבה שליט״א האט אסאך גערשמועסט מיט די בחורים, און די בחורים זענען ארויסגעגאנגען פון דעם הערליכן שבת מלא וגדוש מיט חיזוק און עצות פאר׳ן לעבן, און האבן גאר שטארק הנאה געהאט.

**השבת נועם הנשמות!**

***

# אפדעיטס פון ״קול ברסלב״

מיט׳ן אייבערשטנ׳ס הילף ארבעטן שוין די געוועגליכע לאקאלע נומערן אין אמעריקע פאר ״קול ברסלב״ און ״קוואל פון חיזוק״, מיט׳ן נייעם אויפגעפרישטן סיסטעם, מען קען זען אלע נומערן יעדע וואך דא אין די קעסטלעך ביים סוף פונעם גליון. מיר זענען דאנקבאר פאר אלע אנשי שלומינו וואס האט מתפלל געווען און געבעטן דעם אייבערשטן אויף דעם אז אלעס זאל ווערן מסודר על צד היותר טוב.

יעצט דארף מען נאך תפילות אז אויך די פריערדיגע לאקאלע נומערן אין ארץ ישראל זאל אנהויבן ארבעטן מיט׳ן נייעם סיסטעם. דערווייל קען מען רופן די צייטווייליגע נומערן אין ארץ ישראל ווי פאלגנד: ״קול ברסלב״ **0723701948**. ״קוואל פון חיזוק״ **723701916**.

**שמעו ותחי נפשכם!**



## שְׁאֵלוֹת וּתְשׁוּבוֹת בְּרֶסְלֶב

# אִיךְ ווִיל שְׁטַארְקְן מַיין אֱמוּנָה, וואוּ קֶען אִיךְ זֶען מוֹפְתִים?

*שְׁאֵלָה:*

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ״א,

אִיךְ בִּין נִישְׁט קַיין יוּנְגֶער מֶענְטְשׁ, אִיךְ הָאבּ אַ שְׁטוּבּ מִיט קִינְדֶער, אִיךְ בִּין אָבֶּער אִין אַ גְרוֹיסֶע פַארְלֶעגְנְהֵייט מִיט שְׁטַארְקֶע סְפֵיקוֹת אִין אֱמוּנָה.

אִיךְ הָאבּ גֶעלֵיינְט רַחֲמָנָא לִיצְלָן סְפָרִים פוּן חֲקִירָה, אַזוֹי ווִי מוֹרֶה נְבוֹכִים אוּן נָאךְ, אוּן דָאס הָאט מִיר גֶעמַאכְט סְפֵיקוֹת אוֹיבּ עֶס אִיז בִּכְלַל דָא אַזַא זַאךְ פוּן נִסִים לְמַעְלָה מִדֶרֶךְ הַטֶבַע, נִסִים וָואס טוּישְׁן דִי טָבַע פוּן דִי וֶועלְט.

אִיךְ הָאבּ זֵייעֶר אַסַאךְ פְּרוּבִּירְט זִיךְ צוּ שְׁטַארְקְן מִיט אֱמוּנָה פְּשׁוּטָה, מִיט הִתְבּוֹדְדוּת, מִיט בְּרֶסְלֶב׳עֶ סְפָרִים, עֶס הָאט מִיר אָבֶּער נִישְׁט גֶעהָאלְפְן.

אִיךְ זוּךְ פָּשׁוּט צוּ זֶען עֶפֶּעס אַ נֵס, אַ מוֹפֵת, אוּן דָאס וֶועט מִיר פַארְעֶנְטְפֶערְן אַלֶע סְפֵיקוֹת אִין אֱמוּנָה. אִיךְ פַארְבְּרֶענְג אַסַאךְ צַייט זִיךְ צוּ דְרֵייעֶן בַּיי צַדִיקִים וָואס מְ׳זָאגְט אַז זֵיי זֶענֶען פּוֹעֲלֵי יְשׁוּעוֹת, כְּדֵי צוּ זֶען אֶפְשָׁר, אָדֶער כָאטְשׁ צוּ הֶערְן פוּן אַ בַּאגְלֵייבְּטֶער כְּלִי רִאשׁוֹן וָואס אִיז נִישְׁט קַיין בַּעַל דִמְיוֹן, עֶפֶּעס וָואס אִיז אַ קְלָארֶער נֵס, וָואס וַוייזְט קְלָאר אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער פִירְט דִי וֶועלְט. צוּם בֵּיישְׁפִּיל אַ נֵס פוּן קְפִיצַת הַדֶרֶךְ וָואס אִיז מַמָשׁ לְמַעְלָה מִן הַטֶבַע אוּן לְמַעְלָה מִן הַזְמַן. לְמַעֲשֶׂה הָאבּ אִיךְ עֶס אָבֶּער נִישְׁט גֶעטְרָאפְן, אוּן אִיךְ וֵוייס נִישְׁט וָואס צוּ טוּן מִיט זִיךְ.

אִיךְ בֶּעט דֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ״א מִיט מַיין גַאנְצֶע הַארְץ, אוֹיבּ אִיר קֶענְט מִיר טְרֶעפְן אַ בַּאגְלוֹיבְּטֶער מֶענְטְשׁ, וָואס זָאל מִיר דֶערְצֵיילְן אַן אָפֶענֶער נֵס וָואס עֶר הָאט גֶעזֶען בַּיי אַ צַדִיק, דָאס וֶועט מִיר בַּארוּאִיגְן.

אוּן זִיכֶער אוֹיבּ דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ״א אַלֵיין קֶען אַזַא סָארְט צַדִיק וָואס אִיךְ קֶען בַּיי יֶענֶעם זֶען אַ נֵס, אָדֶער עֶר זָאל זֶען אוֹיף מִיר מַיינֶע עֲבֵירוֹת אוּן מִצְוֹת, וָואס דָאס וֶועט מִיר אַרוֹיסְנֶעמֶען פוּן מַיינֶע סְפֵיקוֹת וָואס פַארְטוּנְקְלֶען מִיר מַיין לֶעבְּן.

יְיַשֵׁר כֹּחַ

*תְּשׁוּבָה:*

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ

יוֹם ב׳ פַּרְשַׁת מִקֵץ, כ״ה כִּסְלֵיו, א׳ דְחַנוּכָּה, שְׁנַת תשפ״ב לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

דוּ זוּכְסְט אַ פְּלַאץ וואוּ דוּ קֶענְסְט זֶען אַ נֵס? קוּק זִיךְ אַלֵיינְס אָן! אָטֶעם אַרַיין לוּפְט אוּן בְּלָאז אַרוֹיס לוּפְט – דָאס אִיז דִי גְרֶעסְטֶע נֵס. דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים זָאגְן (בְּרֵאשִׁית רַבָּה יד, ט): ״עַל כָּל נְשִׁימָה וּנְשִׁימָה שֶׁאָדָם נוֹשֵׁם צָרִיךְ לְקַלֵּס לַבּוֹרֵא, מַה טַּעַם (תְּהִלִּים קנ, ו) כֹּל הַנְּשָׁמָה תְּהַלֵּל יָהּ, כָּל הַנְּשִׁימָה תְּהַלֵּל יָהּ״, אוֹיף יֶעדֶע אָטֶעם דַארְף מֶען דַאנְקֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן; אָן דֶעם בַּאשֶׁעפֶער קֶען מֶען נִישְׁט אַרַיין אָטֶעמֶען אֲפִילוּ אֵיין אָטֶעם.

וֶוען דִי חַשְׁמוֹנָאִים הָאבְּן מְנַצֵחַ גֶעוֶוען דִי יְוָנִים, וֶוען זֵיי זֶענֶען אַרַיין אִין בֵּית הַמִקְדָשׁ אוּן גֶעזֶען דֶעם גְרוֹיסְן חוּרְבָּן וָואס דִי יְוָנִים הָאבְּן גֶעמַאכְט, מֶען הָאט נִישְׁט גֶעקֶענְט אָנְצִינְדְן דִי הֵיילִיגֶע מְנוֹרָה, אַלֶע אוֹיל זֶענֶען גֶעוֶוען טָמֵא, פְּלוּצְלוּנְג הָאבְּן זֵיי גֶעטְרָאפְן אַ קְרִיגְל אוֹיל, עֶס אִיז גֶעוָוארְן אַ נֵס אַז עֶס הָאט גֶעבְּרֶענְט אַכְט טֶעג, הָאבְּן דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים מְתַקֵן גֶעוֶוען דִי הֵיילִיגֶע יוֹם טוֹב חֲנוּכָּה. פְרֶעגְט דֶער הֵיילִיגֶער בֵּית יוֹסֵף (בֵּית יוֹסֵף אוֹרַח חַיִּים, סִימָן תר״ע) דִי בַּאקַאנְטֶע קַשְׁיָא, פַארְוָואס מַאכְן מִיר אַכְט טֶעג יוֹם טוֹב חֲנוּכָּה? פַאר אֵיין טָאג אִיז דָאךְ גֶעוֶוען גֶענוּג אוֹיל צוּ צִינְדְן, דֶער נֵס אִיז גֶעוֶוען נָאר זִיבְּן טֶעג!

זָאגְט מוֹהֲרָא״שׁ פוּן צַדִיקִים, דָאס אַז אוֹיל בְּרֶענְט – אִיז דָאךְ דִי גְרֶעסְטֶע נֵס! דִי הֵיילִיגֶע חַשְׁמוֹנָאִים הָאבְּן גֶעזֶען אַז דִי טָבַע אִיז אַ נֵס, נִישְׁטָא קַיין טֶבַע, מִקְרֶה אוּן מַזָל, אַלֶעס אִיז אֵייבֶּערְשְׁטֶער! אַזוֹי ווִי חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה דֶערְצֵיילְן (תַּעֲנִית כה.), דִי טָאכְטֶער פוּנֶעם הֵיילִיגְן רַבִּי חֲנִינָא בֶּן דוֹסָא הָאט גֶעוֵויינְט צוּ אִיר טַאטֶע, זִי הָאט אָנְגֶעצִינְדְן שַׁבָּת לֶעכְט, זִי הָאט גֶעמֵיינְט אַז עֶס אִיז אוֹיל, לְמַעֲשֶׂה אִיז דָאס גֶעוֶוען עֶסִיג אוּן זִי זָאגְט פַאר אִיר טַאטֶע: ״עֶס גֵייט זִיךְ יֶעצְט פַארְלֶעשְׁן אוּן מִיר וֶועלְן זִיצְן שַׁבָּת אִין דִי פִינְסְטֶער״, הָאט דֶער הֵיילִיגֶער צַדִיק אִיר גֶעזָאגְט: ״וָואס וֵויינְסְטוּ? דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וָואס זָאגְט אַז אוֹיל זָאל בְּרֶענֶען קֶען מַאכְן אַז עֶסִיג זָאל בְּרֶענֶען, לָאמִיר בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן״, זֵיי הָאבְּן מִתְפַּלֵל גֶעוֶוען אוּן עֶס אִיז גֶעשֶׁען אַ נֵס, דִי עֶסִיג הָאט גֶעבְּרֶענְט! עֶס הָאט גֶעבְּרֶענְט נָאךְ לֶענְגֶער ווִי דִי אוֹיל, עֶס הָאט גֶעבְּרֶענְט בִּיז מוֹצָאֵי שַׁבָּת; אַלֶע הָאבְּן גֶעזֶען אַז עֶס אִיז נִישְׁטָא קַיין טֶבַע, דִי טֶבַע אַלֵיינְס אִיז אֵייבֶּערְשְׁטֶער.

דוּ דַארְפְסְט תְּשׁוּבָה טוּן פַאר׳ן לֶערְנֶען דִי סְפָרִים פוּן חֲקִירָה. דֶער רֶבִּי הָאט זֵייעֶר מַקְפִּיד גֶעוֶוען נִישְׁט צוּ לֶערְנֶען דִי סְפָרִים, אֲפִילוּ סְפָרִים פוּן הֵיילִיגֶע רִאשׁוֹנִים – הָאט דֶער רֶבִּי זֵייעֶר מַקְפִּיד גֶעוֶוען נִישְׁט צוּ לֶערְנֶען. דוּ דַארְפְסְט תְּשׁוּבָה טוּן, אִיבֶּערְבֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן. דֶער רֶבִּי זָאגְט (חַיֵּי מוֹהֲרַ״ן, סִימָן תז): ״יְכוֹלִין לְהַכִּיר בְּהַפָּנִים שֶׁל הָאָדָם אִם לָמַד מוֹרֶה נְבוּכִים״, מֶען קֶען דֶערְקֶענֶען אוֹיפְ׳ן פָּנִים פוּנֶעם מֶענְטְשׁ אוֹיבּ עֶר הָאט גֶעלֶערְנְט דֶעם סֵפֶר מוֹרֶה נְבוּכִים, ״כִּי בְּוַדַּאי הוּא אוֹבֵד צֶלֶם אֱלֹקִים פְּנֵים דִקְדֻשָּׁה עַל יְדֵי זֶה״, מֶען פַארְלִירְט דִי צֶלֶם אֱלֹקִים, דִי הֵיילִיגְקֵייט פוּנֶעם פָּנִים, ״וּכְמוֹ שֶׁרוֹאִין בְּחוּשׁ שֶׁרֻבָּם כְּכֻלָּם שֶׁעָסְקוּ בְּאֵלּוּ הַסְּפָרִים בַּדּוֹרוֹת הַלָּלוּ, נַעֲשׂוּ אֶפִּיקוֹרְסִים גְּמוּרִים, וְהֵם חֲשׁוּדִים עַל כָּל עֲבֵרוֹת שֶׁבַּתּוֹרָה. כִּי זֶה הַסֵּפֶר וְכֵן שְׁאָר סִפְרֵי הַמְחַקְּרִים עוֹקְרִים אֶת הָאָדָם לְגַמְרֵי מֵאֱמוּנַת יִשְׂרָאֵל, וּמִתּוֹרָתֵנוּ הַקְּדוֹשָׁה, וּמֵהַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ

<<<<<<

BreslevCenter.com\answers

<<<<<< שו"ת ברסלב

וְאַחֲרִיתוֹ עֲדֵי אוֹבֵד", דִי אַלֶע וָואס לֶערְנֶען דִי סְפָרִים פוּן חֲקִירוֹת וֶוערְן בַּיים סוֹף אֶפִּיקוֹרְסִים, דִי סְפָרִים רַייסְן אוֹיס דִי אֱמוּנָה אִינֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן אִין דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה, "גַּם אֲנִי דִּבַּרְתִּי עִם כַּמָּה אֲנָשִׁים שֶׁהֵם כְּשֵׁרִים קְצָת, שֶׁלָּמְדוּ מִכְּבָר סִפְרֵי הַמְחַקְּרִים, וְכֻלָּם אָמְרוּ בְּפֶה מָלֵא שֶׁהֵם מִתְחָרְטִים מְאֹד עַל זֶה שֶׁלָּמְדוּ, וְהַלְוַאי שֶׁלֹּא הָיוּ יוֹדְעִים מֵהֶם. וְהֵעִידוּ בְּעַצְמָן שֶׁרָאוּי לְהִתְרַחֵק מֵהֶם מְאֹד מְאֹד בְּתַכְלִית הָרִחוּק", אִיךְ הָאבּ גֶערֶעדְט מִיט מֶענְטְשְׁן - זָאגְט דֶער רֶבִּי, וָואס זֵיי זֶענֶען עֶרְלִיךְ, זֵיי הָאבְּן מִיר גֶעזָאגְט אַז זֵיי הָאבְּן אַלֶע חֲרָטָה פַאר'ן אַרַיינְקוּקְן אִין דִי סְפָרִים, אוּן הַלְוַאי וָואלְטְן זֵיי נִישְׁט אַרַיינְגֶעקוּקְט אִין דִי אַלֶע סְפָרִים. "אַשְׁרֵי מִי שֶׁבּוֹרֵחַ מֵהֶם וּמְחַזֵּק אֶת עַצְמוֹ בֶּאֱמוּנָה שְׁלֵמָה לְבַד, כְּפִי מַה שֶׁקִּבַּלְנוּ מֵאֲבוֹתֵינוּ כְּמוֹ שֶׁכְּלַל יִשְׂרָאֵל מַאֲמִינִים בְּלִי שׁוּם חֲקִירוֹת שֶׁל שְׁטוּת וָהֶבֶל שֶׁלָּהֶם", ווארויל אִיז דֶער וָואס אַנְטְלוֹיפְט פוּן דִי אַלֶע זַאכְן, עֶר אִיז שְׁטַארְק אִין דִי אֱמוּנָה וָואס מִיר הָאבְּן מְקַבֵּל גֶעוֶוען פוּן אוּנְזֶערֶע עֶלְטֶערְן, אָן קַיין שׁוּם נַארִישֶׁע חֲקִירוֹת.

מוֹהֲרָא"שׁ פְלֶעגְט זִיךְ קֵיינְמָאל נִישְׁט טַעֲנֶה'ן אוֹיף דִי אֱמוּנָה, וֶוען מֶען אִיז גֶעקוּמֶען צוּ אִים פְרֶעגְן קַשְׁיוֹת הָאט עֶר יֶענֶעם גֶעמַאכְט צוּ נַאר; עֶר הָאט יֶענֶעם גֶעזָאגְט: "שְׁטֶעל זִיךְ אוֹיף, זֶעץ זִיךְ אַרָאפּ, הֵייבּ זִיךְ נָאכְאַמָאל אוֹיף אוּן גֵיי אַהֶער אוּן גֵיי אַהִין", אוּן מוֹהֲרָא"שׁ פְרֶעגְט: "זָאגְט מִיר, וֶוער וָואקְט אִין דִיר? וֶוער גֵייט אִין דִיר? וֶוער רִירְט זִיךְ אִין דִיר? דָאס אַלֶעס אִיז נָאר דֶער חֵלֶק אֱלוֹקַי מִמַּעַל, אַ מֶענְטְשׁ אָן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִיז אַ שְׁטִיק פְלֵייש וָואס קֶען זִיךְ נִישְׁט רִירְן, קֶען נִישְׁט קוּמֶען אוּן קֶען נִישְׁט גֵיין"; בִּיז דִי אַלֶע וָואס זֶענֶען זִיךְ גֶעקוּמֶען טַעֲנֶה'ן מִיט מוֹהֲרָא"שׁ הָאבְּן תְּשׁוּבָה גֶעטוּן.

מוֹהֲרָא"שׁ פְלֶעגְט זָאגְן פַאר אַלֶע וָואס פְרֶעגְן 'וואוּ אִיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער?' זֵיי ווילְן זֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן: "וָואס אִיז לוּפְט? ווִי אַזוֹי זֶעט אוֹיס לוּפְט? זַאי מִיר מַסְבִּיר וָואס אִיז לוּפְט, וואוּ קֶען מֶען עֶס זֶען?" מוֹהֲרָא"שׁ פְלֶעגְט זָאגְן: "לוּפְט קֶען מֶען נִישְׁט זֶען, לוּפְט אִיז אֵייבֶּערְשְׁטֶער; דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער גֶעבְּט דִי חַיּוּת פַאר'ן מֶענְטְשׁ".

אַז דוּ בִּיסְט אַזוֹי אַרָאפְּגֶעפַאלְן אִין דִי עֶרְגְסְטֶע פְלַאץ וואוּ אַ מֶענְטְשׁ קֶען נָאר אָנְקוּמֶען, דוּ הָאסְט קַשְׁיוֹת אוּן סְפֵיקוֹת - אִיז דָא אֵיין עֵצָה פַאר דִיר, דִי עֵצָה פוּן הִתְבּוֹדְדוּת. גֵיי וֵויין צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, זָאג: "רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, אִיךְ הָאבּ נִישְׁט קַיין אֱמוּנָה, אִיךְ גְלֵייבּ נִישְׁט אִין דִיר; אִיךְ הָאבּ גֶעטוּן אַ נַארִישְׁקֵייט, אִיךְ הָאבּ אַרַיינְגֶעקוּקְט אִין סְפָרִים וָואס מֶען טָאר נִישְׁט קוּקְן, יֶעצְט אִיז מִיר דֶער קָאפּ פַארְדְרֵיידְט, הֶעלְף מִיר אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיךְ זָאל הָאבְּן אֱמוּנָה אִין דִיר, אִיךְ זָאל הָאבּ אַזַא שְׁטַארְקֶע אֱמוּנָה אַז אִיךְ זָאל דִיר זֶען, הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער הֶעלְף מִיר, מַאךְ אַ נֵס אִיךְ זָאל אָנְהֵייבְּן גְלֵייבְּן אִין דִיר אַזוֹי ווִי אַמָאל, גֶעבּ מִיר אַ שְׁטַארְקֶע אֱמוּנָה".

שְׁרֵייעֶן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן - דָאס וֶועט דִיר הֶעלְפְן, מַאךְ זִיךְ נִישְׁט מְשׁוּגָע פוּן זוּכְן מוֹפְתִים וְכוּ', גֵיי צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן. אַזוֹי ווִי דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב', סִימָן מו): "וַאֲזַי צָרִיךְ לִצְעֹק לְאָבִיו שֶׁבַּשָּׁמַיִם בְּקוֹל חָזָק מֵעִמְקֵי הַלֵּב", דִי עֵצָה אוֹיף דֶעם אִיז שְׁרֵייעֶן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן פוּן טִיפֶענִישׁ פוּן הַאַרְץ: **"הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער, וָואס הָאט דָא פַּאסִירְט מִיט מִיר?! אִיךְ בִּין אִין אַ סַכָּנָה, דִי אֱמוּנָה אִיז מִיר פַארְלָאשְׁן! אִיךְ וֵוייס נִישְׁט וָואס הָאט פַּאסִירְט מִיט מִיר, הֶעלְף מִיר הָאבְּן אֱמוּנָה".**

דֶער רֶבִּי זָאגְט (שָׁם): "קֻשְׁיָא" אִיז דִי רָאשֵׁי תֵּיבוֹת: "שְׁ'מַע יְ'יָ קְ'וֹלִי אֶ'קְרָא, שֶׁצָּרִיךְ רַק לִקְרוֹת לַה', כְּשֶׁמִּתְגַּבֵּר עָלָיו הַקֻּשְׁיָא וְהַכְּפִירָה", מֶען דַארְף וֵויינֶען אוּן שְׁרֵייעֶן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן וֶוען מֶען זֶעט אַז עֶס זֶענֶען זִיךְ מִתְגַּבֵּר דִי קַשְׁיוֹת אוּן כְּפִירוֹת.

מַאךְ זִיךְ אַ שִׁיעוּר אִין סֵפֶר יַד הַחֲזָקָה פוּן הֵיילִיגְן רַמְבַּ"ם; דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט: "וֶוען מָשִׁיחַ וֶועט קוּמֶען וֶועלְן מִיר פַּסְקְ'נֶען ווִי דֶער רַמְבַּ"ם", אָבֶּער דִי אַנְדֶערֶע סְפָרִים - זָאלְסְטוּ נִישְׁט לֶערְנֶען אוּן נִישְׁט הַאלְטְן אִין שְׁטוּבּ.

**אַ לִיכְטִיגְן חֲנוּכָּה.**

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה מִקֵּץ תשפ"ב)

## נייעס אינערהאלב מוסדותינו הק'

# מעשה'לעך פאר קינדער קאלארינג ביכל

זייט עס איז ערשינען דער ערשטער ביכל פון די סעריע פון מעשה'לעך פאר קינדערלעך, הערט מען גאר אסאך גוטע גריסן פון אלע וואס האבן עס נאר גענומען אין די האנט. בפרט הערט מען צוריק פון די מפיצים אז זינט דער ביכל איז ארויס איז דאס פון די בעסט גייענדע זאכן. אידן פארציילן ווי געשמאק עס איז צו נעמען דעם ביכל אין די האנט און עס פארציילן פאר די קינדער, וואס דער ביכל איז געשריבן אין א גאר געשמאקע שפראך, וואס העלפט די קינדער זאלן פארשטיין די מעשיות, בפרט לערנט עס אויס די קינדער אמונה, תמימות, חסד, אהבת ה' און יראת ה'.

יעצט קומט די נייעס פון די דרוקערס, אז אויף די פארלאנג פון פילע, האט מען יעצט איבערגעארבעט דעם ביכל אין א פרישע ווערסיע, דאס מאל אלס א "קאלערינג ביכל". קינדער האבן ליב צו פארבן און קאלערן, און יעצט וועט מען זיי קענען געבן דעם ביכל מיט די בילדער פון די מעשיות וואס זיי קענען שוין אזוי גוט ביז יעצט, וואס די מעשיות דערמאנען זיי פון בעטן דעם אייבערשטן, גוטע מידות, און יראת שמים, און אויף דעם ביכל וועלן זיי זיצן און פארבן און פארברענגען די צייט פון שפילן מיט יראת שמים.

די גאנצע ארבעט ווערט דורכגעפירט מיט די כסדר'דיגע הדרכה און איבערזיכט פון ראש ישיבה שליט"א דורך די געטרייע און איבערגעגעבענע "מכון עצתו אמונה" וואס האט אריינגעלייגט טעג און וואכן אז עס זאל מיט'ן אייבערשטנ'ס הילף ארויסקומען א הערליכע געלונגענע ביכל.

**והודעתם לבניך ולבני בניך!**

***

# חנוכת הבית פאר נייעם בנין התלמוד תורה אין קרית ברסלב ליבערטי

אין די יעצטיגע טעג איז מיט'ן אייבערשטנ'ס הילף פארענדיגט געווארן די בוי ארבעט ביים נייעם בנין התלמוד תורה אין קרית ברסלב ליבערטי, און ברוך ה' אז מען האט שוין באנייעט דעם בנין דעם פארגאנגענעם וואך, ווען פילע קלאסן האבן זיך שוין אריבערגעצויגן צום נייעם בנין.

פארגאנגענעם זונטאג וישב איז פארגעקומען דער "מעמד קביעת מזוזה" ביים נייער חדר בנין אין ליבערטי, בראשות דער ראש ישיבה וואס איז ספעציעל געקומען צו פארן צום מעמד, און איז געווען באשטימט פאר די חשובע נדבנים וואס האבן ערמעגליכט דאס אפקויפן און דאס אויפבויען פונעם דעם הערליכן בנין.

ביים מעמד האט דער ראש ישיבה שליט"א גערעדט איבער די גרויסע זכיה פון אינוועסטירן אין חינוך, ספעציעל ווען מען רעדט פונעם חדר היכל הקודש, וואו מען לערנט די קינדער צו לעבן מיט'ן אייבערשטן, און צו ליב האבן תורה ומצוות. דער ראש ישיבה האט ארויסגעברענגט די שיינע וואוקס פון די מוסדות, וואס מען האט נארוואס געעפענט אינעם ערשטן געביידע, און איז אזוי שנעל אויסגעוואקסן, אזוי ווייט אז מען פלאנט שוין יעצט צו קויפן א דריטע בנין. אזוי אויך האט דער ראש ישיבה אויסגערומט די טייערע מלמדים און טישטערס וואס לייגן אריין גרויסע כחות צו קענען אויפציען קינדער וואס זענען געזונט אויך בנפש.

דעם מוצאי שב"ק מקץ חנוכה וועט אי"ה פארקומען א סעודת מלוה מלכה צוזאמען מיט א גרויסארטיגן מסיבת "חנוכת הבית", ווען מען וועט אינאיינעם דאנקען דעם אייבערשטן אז מיר ווייסן פונעם הייליגן רבין און פון זיינע זיסע עצות. דער מלוה מלכה וועט בעזרת השי"ת פארקומען אינעם ערשטן חדר בנין אויף 39 טשעסטנאט סטריט, בהשתתפות הראש ישיבה שליט"א, אלע אנשי שלומינו זענען געלאנדעט אנטייל צו נעמען און מיטהאלטן דעם שיינעם מעמד.

**בואו שעריו בתודה, חצירותיו בתהלה!**

***

# שבת התוועדות מיט די בחורים

ווי באקאנט איז דער ראש ישיבה שליט"א כסדר מעורר די בחורים צו גיין נאך

<<<<<<



## סימן טוב ומזל טוב

החתן **חיים מרדכי אלבום** הי"ו
צו זיין שמחת החתונה עב"ג למזל טוב

***

מו"ה **הלל ווייס** הי"ו
צו די געבורט פון א אינגל למזל טוב

***

מו"ה **יצחק וואקסבערגער** הי"ו
צו די געבורט פון א אינגל למזל טוב

## א פרייליכן חנוכה

**דרשות און שיעורים, מעשיות, ניגונים, נוסח, און נאך, זיך צוצוגרייטן צום פרייליכן ליכטיגן יום טוב חנוכה מיט געשמאק**

**קול ברסלב**

**212-444-9191**

**1, 9, 4**

## חיזוק צום טיר

**איר קענט באקומען אלע ספרי ברסלב, קונטרסים, "עצתו אמונה", דרשות, ניגונים, סידי"ס, USB'ס, SD'ס, און נאך; דעליווערט צו אייער טיר!**

רופט אריין מיט אייער פארלאנג צו

**347-509-4908**

**און מיר וועלן פרובירן בעז"ה עס צו שיקן צו אייך אהיים**

**קול ברסלב - שיעורים; חיזוק יומי; ניגונים; מעשיות פון תפלה; און נאך**
845-351-0910 / 212-444-9191
ארץ ישראל 0797040066 / ענגלאנד 03303502361 / קאנאדא 438-300-8080
בעלגיע 3235003461 / ארגענטינא 1152354370
צו באקומען דעם גליון אויף אימעיל **breslevcenter@gmail.com**

**קוואל פון חיזוק (פרויען) - שיעורים; מעשיות פון תפלה; רעספיס; און נאך**
845-351-9060 /212-444-9169
ארץ ישראל 0797040069 / ענגלאנד 03303502363/ קאנאדא 438-320-9090
בעלגיע 3235003462 / ארגענטינא 1152354380
חיזוק יומי אימעיל **chizikyomi@gmail.com/** טעלעפאן מעסידזשינג **347-630-2876**

< BreslevCenter.com >